*ב"ה*

# לעבן מיט דער צייט

*געדאנקען אויף דער פרשה פון דער וואך*
*פאר קינדער און יוגנט*
*לויט די שיחות*
*פון ליובאוויטשער רבי'ן*

## פרשת שמות

### שמות (א)

פרעה האט גוזר געווען "כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו וכל הבת תחיון" (יעדער זון וואס ווערט געבארן זאל מען אריינווארפן אין נילוס און יעדער טאכטער זאל מען לאזן לעבן).

דארף מען פארשטיין:

צוליב וואס האט פרעה געדארפט אויספירן: וכל הבת תחיון (מען זאל לאזן לעבן די טעכטער)? ער איז דאך אויסן געווען אז די נייע געבוירענע זין זאל מען אריינווארפן אין טייך. דאס וואס וועט זיין מיט די טעכטער האט עם ניט אינטערסירט. פון דעם וואס ער פירט אויס "וכל הבת תחיון" איז משמע אז "וכל הבת תחיון" איז אויך א גזירה.

דער ענטפער איז:

"תחיון" איז דער טייטש: איר זאלט זיי באלעבן. פרעה האט אגעזאגט אז די מצריים זאלן אריינווארפן אידישע קינדער אין טייך בכדי אפצוטויטען זייער גוף רחמנא לצלן. ער האט אויך אנגעזאגט אז די קינדער וועלכע וועלן בלייבן לעבן (בגשמיות) זאלן זיי - די מצריים - מחי' זיין זיי. זיי זאלן זיי דערציען אין זייער דרך, אין לעבנסוועג פון מצרים, בכדי אפצוטויטען ר"ל זייער נשמה.

פון דעם וואס די תורה זאגט ביידע גזירות צוזאמען, אין דעם זעלבן פסוק, איז א ראי' אז דער "וכל הבת תחיון" איז ניט קיין קלענערע גזירה פון "כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו". אפטויטען ר"ל די נשמה איז אזוי הארב ווי אפטויטן ר"ל דעם גוף. עס איז נאך ערגער ווייל גייסטיגער טויט איז נאך ערגער פון א קערפערליכען טויט.

די דערמאנטע גזירה פון "וכל הבת תחיון" צו דערציען אידישע קינדער אין לעבנסוועג פון מצרים, איז אויך מרומז אין דעם "כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו".

דער טייך נילוס איז געווען די עבודה זרה פון מצרים. די מצריים האבן איר געדינט, ווייל נילוס איז געווען זייער קוואל פון פרנסה. אין מצרים גייט ניט קיין רעגן. די פעלדער ווערן אנגעטרונקען פון דעם טייך נילוס.

דאס מיינט "היאורה תשליכוהו": ערשטענס, אפצוטויטן ר"ל דעם אידישן גוף דורך דערטרינקען עם אין נילוס. און צווייטענס, אריינווארפן די קינדער אין דעם עבודה זרה פון מצרים, און אפצוטויטן זייער נשמה ר"ל.

דעריבער דארף מען זיך שטעלן מיט דער גרעסטער שטארקייט אנטקעגן זיינע גזירות און מחנך זיין די קינדער אין דעם אמת'ן אידישען גייסט.

(לקו"ש ח"א ע' 111)

## שמות (ב)

אין הגדה של פסח שטייט: "ואת עמלנו" (אונזער הארעוואניע) "אלו הבנים" (דאס זיינען די קינדער), "כמה שנאמר כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו וכל הבת תחיון" (יעדער זון וואס ווערט געבארן זאל מען אריינווארפן אין טייך נילוס און יעדער טאכטער זאל מען באלעבן). דער פסוק געפינט זיך אין אונזער פרשה. די ראי' פון דעם פסוק איז, אז ס'איז געווען א צרה אויף די קינדער .

פארוואס אבער הייסן קינדער "עמל" (הארעוואניע)?

דאס לערנט אונז: בכדי קינדער, און אזוי אויך תלמידים (וואס ווערן אנגערופן בנים) זאלן זיין ווי עס דארף צו זיין, מוז זיין עמל. מען מוז אויף דעם הארעווען.

וועגן די מעלה פון לערנען מיט קליינער קינדער, געפינען מיר אין גמרא: "ברם זכור אותו האיש לטובה ויהושע בן גמלא שמו" (דערמאנט זאל ווערן דער מענטש צום גוטען, און זיין נאמען איז יהושע בן גמלא).

וואס האט אויפגעטאן יהושע בן גמלא?

גאר פריער איז געווען דער סדר, אז ווער עס האט געהאט א פאטער האט ער מיט עם געלערנט, און ווער עס האט ניט געהאט קיין פאטער, האט ער ניט געלערנט. האט מען מתקן געווען אז עס זאלן זיין מלמדי תינוקות אין ירושלים. דערנאך האט מען מתקן געווען אז עס זאלן זיין מלמדי תינוקות אין יעדן פלך (שטאט), און מען זאל לערנען מיט אלעמען אין עלטער פון 16 יאר - 17 יאר. אבער מיט קינדער האט מען ניט געלערנט. ביז עס איז געקומען יהושע בן גמלא און האט מתקן געווען אז אומעטום, אין יעדע מדינה, און אין יעדע שטאט, זאל מען לערנען תורה אומזיסט, מיט קינדער פון 5-6 יאר אלט און עלטער. צוליב דער תקנה איז ער זכור לטוב אין אלע דורות.

בשעת די יעווסעקציעס-באלשעוויקעס האבן פארבאטן צו לערנען תורה אין רוסלאנד, האבן זיי ניט פארבאטן דעם לערנען לגמרי. זיי האבן געטענה'ט אז ווען דער קינד וועט ווערן עלטער, א בר דעת, און וועט אויסקלייבן צו לערנען, קען מען מיט עם לערנען. אבער זיי האבן פארבאטן לערנען מיט קליינע קינדער. אויף דעם האט מען זיך געשטעלט מיט'ן גרעסטן תוקף און מסירת נפש, ווייל דער גאנצער קיום פון אידן, איז אפהענגיק אין דעם חינוך פון די קינדער יארן דוקא.

אזוי אויך היינט דארף מען זיך שטעלן מיט'ן גרעסטן תוקף, אז דער חינוך פון די קינדער פון קליינווייז אן זאל זיין על פי תורה תמימה, אן קיינע פשרות. אויף דעם דארף מען הארעווען, ווייל אין דעם איז תלוי דער גאנצער קיום פון אידן.

(לקו"ש ח"א ע' 113)

---

[Back to "Leben Mit Der Tzeit"]